No 115

TARTU JUUDI DEMOKR. SELTS.

ערנסט טאָלער



# מאַסע מענטש

א דראַמע פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פֿון 20טן יאָרהונדערט

## ערנסט טאלער

# מאסע מענטש

אַ דראַמע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע
פון 20=טן יאָרהונדערט.

TARTU JUUDI DEMOKR. SELTS. *

איבערגעזעצט פון דייטש מיטן הסכם פון מחבר
פון שרה ברענער.

פארלאג „די וועלט", וואַרשע.
1 9 2 2

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

ERNEST TOLER o o o o o o o o o o
o o o o o o o TŁUM–JEDNOSTKA
WYD. „DI WELT", WARSZAWA.

DRUKARNIA „DI WELT" o o o o o
o o o WARSZAWA, NOWOLIPIE 7

די דראַמע מעג אויפגעפירט װערן
נאָר מיטן בפירושן הסכם פון פאַרלאַג
Gustaw Kiepenheuer Postdam.

פֿאַר די פּראָלעטאַריער.

דער ערשטער װאַריאַנט איז באַשאַפֿן
געװאָרן אָקטאָבער 1919, אין ערשטן יאָר
פֿון דער דײטשער רעװאָלוציע. פֿעסטונגס־
תּפֿיסה נידערשענענפֿעלד.

## ש פ י ל ע ר:

אַרבעטער.
אַרבעטערינס.
דער מאַן אָן אַ נאָמען.
אָפּיציר.
גייסטלעכער.
מאַן (דער באַאַמטער).
סאָניע אירענע ל., אַ פרוי.

## געשטאַלטן פון די טרוים=בילדער:

סאָניע אירענע ל., אַ פרוי.
דער באַלייטער.

באַנקירן.
דער באַאַמטער.
שומרים.
געפאַנגענע.
שאָטנס.

*(דאָס דריטע, פינפטע און זיבעטע בילד
װײס, װי אין דער זעונג פון אַ חלום.)

# דאס ערשטע בילד.

הינטערשטער צימער פון אן ארבעטער־שענק. אויף די געטינקעוועטע ווענט פאטריאטישע בילדער און פארטרעטן פון העלדן פון דער מאסע. אינמיטן א פראסטער טיש, וואס ארום אים זיצן: **א פרוי** און **די ארבעטער**.

**ערשטער ארבעטער**

די בלעטלעך זענען שוין צעטיילט,
אין גרויסן זאל איז די פארזאמלונג. —
ס׳פארמאכן פרי זיך מארגן די פאבריקן.
די מאסן יערן.
מארגן פאלט דער גורל.
ביזט גרייט, חברטע?

**די פרוי**

יא, כ׳בין גרייט.
מיט יעדער ציי פון אטעם וואקסט מיין קראפט —
איך האב געבענקט נאך אט דער שעה,
ווען הארץ־בלוט ווערט א ווארט און ווארט ווערט — טאט.
אפט פלעג איך ווערן אפהענטיק — פלעג איך
די ווענט צונויפפרעסן פון כעס און שאנד און פיין.
ווען די פארהאסטע בלעטער פילדערן: נצחון,
דאן פאקן מיך מיליאנען פויסטן...
און שרייען: דו ביזט שולדיק, וואס מיר שטארבן!
אפילו איטלעך פערד, וואס ציטערט מיט די זייטן,
באשולדיקט מיך — באשולדיקט שטומערהייט.

ס'ווילט זיך מיר מאָרגן שאַלן ווי דער שופר פון נשח,
ווען מיין געוויסן וועט זיך רייסן אינם זאַל אַריין —
ווער איז דאָס, איך — די וואָס וועט מעלדן שטרייק?
מענטש שרייט שטרייק, נאַטור שרייט שטרייק!
מיר דוכט, דער הונט, וואָס גיט אַ שפרונג צו מיר,
ווען כ'גיי אַריין אין שטוב, בילט אויך דאָס אייגענע...
גלייך ווי דער טייך וואָלט שפריצן שטרייק!
מיין קענטעניש איז אַזוי פעסט. די מאַסן וועלן אויפשטיין,
אַ וואָרף אַראָפּ פון זיך די פּאַראַגראַפן
פון יענע פעטע הערן ביים גרינעם טיש,
אַרמייען פון דער מענטשהייט, וועלן זיי מיט שטאַרקע הענט
אויסבויען דעם היכל פאַר דער זאַך פון שלום.
די רויטע פאָן... פאָן פונם אויפגאַנג
ווער טראָגט זי פאָרויס?

צווייטער אַרבעטער
דו! נאָך דיר וועלן זיי נאָכגיין.
ס'פּלאַקערט אַ שטילקייט.

די פרוי
די מעלדער זאָלן נאָר שווייגן!
מיינסט, פּאָליצײ האָט קיין ידיעה נישט?
און טאָמער רינגלט מיליטער אַרום דעם זאַל מיט קייטן?

ערשטער אַרבעטער
ניין, פּאָליצײ האָט קיין ידיעה נישט. און טאָמער ווייס זי יאָ,
ווייס זי נישט די אמתע כונה. —
און ווי דער זאַל נעמט נאָר אַרום די מאַסן,
דאַן ווערט פון זיי אַ שטראָם אַ מעכטיקער,
וואָס קיין שום פּאָליצײ וועט אים נישט איבערפורימען
אין רואיק-פלעסקענדיקע פּאַרק-פאָנטאַנען.
און ווייטער: פּאָליצײ דערוועגט זיך שוין נישט מער
צו שטעלן אַלץ אין קאָן: צעפּאַלעניש צעפּרעסט

די שכרות פונם מאַכט־געפיל;
די פאַלקן ווידער שטייען צו צו אונז —
סאָלדאטן־ראַטן אומעטום!
מאָרגן פאַלט דער גורל, חברטע.

מען קלאַפּט אין טיר.

**ערשטער אַרבעטער**

אַרויסגעגעבן אונז!

**צווייטער אַרבעטער**

זיי טאָרן זיך נישט כאַפּן.

**ערשטער אַרבעטער**

נאָר איין טיר.

**צווייטער אַרבעטער**

דורכן פענסטער!

**ערשטער אַרבעטער**

פון פענסטער פאַלט מען אין א ליכט־הויף.

**די פרוי**

אַזוי נאָנט פון קאַמף...

מען קלאַפּט שטאַרקער, די טיר עפנט זיך אויף. ס'גייט אַריין דער מאַן, הויך אויפגעהויבן דעם קאָלנער פון מאַנטל, ער גיט אַ קוק אַרום זיך, גיט אַ הייב אויף דעם האַרטן הוט.

**די פרוי**

א... גוטער פריינט, נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן...
דו קומסט צו גיין צו מיר,
געפינסט מיך אויס.

**דער מאַן**

אַ גוטן אָוונט אייך.

שטילערהייט.

איך בעט דיך, רוף נישט אָן מיין נאָמען.
כ'קאָן זיך דורכריידן מיט דיר?

די פרוי
חברים...

די אַרבעטער
א גוטע נאכט.
ביז מאָרגן.

די פרוי
א גוטע נאכֿט, ביז מאָרגן.

דער מאן
פאַרשטייסט דאָך,
נישט ווי א העלפער קום איך.

די פרוי
זיי מוחל, וואָס מיר האָט אָפּגעדוכֿט אזוינס
אין בליענדיקע רגע׳ס.

דער מאן
די ערע, וואָס איז אין סכנה
האָט מיך געבייט צו גיין אהער.

די פרוי
וואָס, צוליב מיר? מאָדנע.
דאָס איז די ערע פונם בירגערלעכן שטאנד?
געווען א אָפּשטימונג? די מערהייט סטראשעט,
אז דיר קומט אויסשליסן פון דער געזעלשאפֿט?

דער מאן
איך בעט דיך, נישט געשפאסט.
דו ווייסט נישט, וואָס עס הייסט: זיך רעכענען מיט יענעם.
פאר מיר איז דאָס — געזעץ.
ביי מיר איז פאַראן דער זאכלעך שטרייגער כלל פון ערע..

די פרוי
וואָס מאכֿט פון אייך מער נישט ווי פאָרמולעס.

דער מאן

וואס פֿאדערט, מען זאָל פֿאלגן, האלטן דיִסציִפּלין...

דו הערסט זיִך גאר ניִשט איין אין מיינע ווערטער...

דיִ פרוי

כ'זע דיינע אויגן...

דער מאן

פיִר מיר ניִשט אראפּ פון וועג.

דיִ פרוי

דו... דו...

דער מאן

בקיצור, כ'לייג ארויף

א ריִגל אויף דיין טעטיִקייט.

דיִ פֿרוי

דו...

דער מאן

דער חשק צו געזעלשאפטלעכע ארבעט

קאן זיִך געפיִנען א באפריִדיִקונג

איִן אונזערע קרייזן אויך.

כ'רוף אן: א היים פאר קיִנדער אומגעזעצלעכע.

עס שטעקט איִן דעם מין ארבעט א געדאנק,

א יחוס־בריִוו פאר דער קולטור,

פון וועלכער דו מאכסט חוזק.

אפילו דיינע ארבעטער־חברים, וואס מען רופט,

פאראכטן אויף דיִ מיידלעך,

וואס האבן קיִנדער אן א חתונה.

דיִ פרוי

רייד ווייטער... ווייטער...

JUUDI DEMOKR. SELTS. TARTU

דער מאן

דו ביזט נישט פריי אין דיינע מעשים.

די פרוי

כ׳בין פריי...

דער מאן

איך מעג זיך ריכטן, אז דו וועסט זיך רעכענען א ביסל,
זאל זיין, דו האלסט פון דעם נישט,
אבער דו פארמאגסט דאך טאקט.

די פרוי

איך ווייס נאר איין מין רעכענען זיך: מיט דער זאך,
איר דין איך, איר — הערסט — איר מוז איך דינען.

דער מאן

איך נעם צעגלידערן:
די מעשים דיינע נעמען זיך פון א פארלאנג
צו עפנטלעכער טעטיקייט.
פארלאנג, געבוירן פון פארשיידענע מאטיוון.
איך הייב נישט אן צו קלערן, אז דאס זענען
נישט קיין איידעלע פארלאנגען.

די פרוי

ווי ווייטאגדיק מיר ווערט פון יעדן ווארט...
האסט ווען געזען די בילדער פון מאדאנעס
ביי פויערים אין שטיבעלע?
דאס הארץ, מיט שווערד אדורכגעשטאכן,
בלוטיקט טונקעלע טרערן.
איר מיאוסע, איר רירנדיקע, פרומע בילדער...
אזוי בתמימותדיק און אזוי גרויס...
דו... דו...
דו האסט געזאגט: פארלאנגען?

איך ווייס... א גרוב עפנט זיך צווישן אונז...
נישט פארלאנג האט
אַ קער געטון מיין גורל,
פּײַן איז דאס געווען...
נויט און פיין פון זיין א מענטש,
פּײַן פון מיינע טיפסטע טיפענישען.
נויט קערט איבער, הער זיך איין,
נויט קערט איבער!
נישט קיין קאפריז, נישט קיין פאנטאזיע,
נויט און פּײַן פון זיין א מענטש — דאס גיט א קער.

ד ע ר  מ א ן
נויט? דו האסט א רעכט
צו ריידן וועגן נויט?

ד י  פ ר ו י
מאן... דו... לאז מיך אפּ...
אט איז דיין קאפּ ביי מיר אין האנט...
אָט קוש איך דיינע אויגן...
דו...
רייד מער נישט...

ד ע ר  מ אַ ן
עס ווילט זיך מיר נישט פיניקן דיך...
דאָס אָרט... מען קאָן נישט אונטערהאָרכן?

ד י  פ ר ו י
און כאָמער הערט אונז יאָ אַ חבר,
פאַרמאָגן זיי געפיל פון טאקט אָן ערע־כּללים.
אָ, ווען דו ווייסט פאַרשטיין זיי, שפּירן כאָטש
אַ הויך פון זייער פּײַן
פּײַן... וואָס איז אונזערע... וואָס מוז זיין אונזערע!
דערנידעריקט האָט איר זיי...

דערנידערנדיק, האָט איר זיך אַליין געשענדט,
געוואָרן אייערע אייגענע תּלינים...
נעם צו פון דיינע אויגן דאָס רחמנות!
איך בין נישט קראַנק אויף נערוון,
כ'בין נישט סענטימענטאַל.
אָט ווייל כ'בין נישט סענטימענטאַל,
באַלאַנג איך צו זיי.
אָ, אייערע קלאָגעדיקע שעה'ן,
וואָס איר גיט אָפּ פאַר סאָציאַלער אַרבעט,
באַרואיקונג פאַר אייך פון גאווה און פון שוואַכקייט.
פאַראַן געטאָכן, וואָס שעמען זיך פאַר אייך,
אויב זיי לאַבן זיך נישט... אויס...
זעסטו, אָט ווי איך לאַך איצט.

דער מאַן
אויב אַזוי, זיי וויסן דעם גאַנצן אמת.
מען ווייס... די מאַכט וויים וועגן דיר.
איך האָב געשוואוירן די מלוכה־שבועה... פרוי.
דער רעפערענט פאַר די פערזענלעכע ענינים
איז אינפאָרמירט, קאַריערע וואָלט געווען צעבראָכן.

די פרוי
און?..

דער מאַן
איך זאָג דאָס דיר בפרוש,
איך מאַך דעם אויספיר,
וואָס... מעגסט זיין זיכער,
וועט אָנרירן מיין געפיל אויך...
בפרט נאָך, אַז דו שעדיקסט
נישט נאָר דעם מאַן, נאָר אויך דאָס וואויל פון דער מלוכה.
דו שטיצט דעם אינעווייניקסטן שונא.
דאָס איז אַ פאַקט, וואָס גיט א רעכט אויף גט.

די פרוי
אויב אַזוי... אויב כ׳מאַך דיר אָן אַ שאָדן,
אויב כ׳שטיי אין וועג דיר...

דער מאַן
נאָך איז צייט.

די פרוי
אויב יאָ אַזוי...
יעמאָלט... בין איך גרייט...
איך בין שולדיק...
האָב נישט קיין מורא, דער פּראָצעס וועט דיר
נישט זיין קיין שאָדן.
דו...
דו... מיינע אָרעמס שפּרייטן זיך צו דיר
אין אַ גרויסער פּיין.
דו, מיין בלוט בליט פאַר דיר...
זע, פאַרטריקנט בלאַט בין איך אָן דיר.
דו ביזט דער טוי, וואָס מאַכט מיך שפּראָצן.
דו ביזט דער שטורמווינט פון פריליניג, וואָס זיין קראַפט
וואַרפט שטורקאַצן אַריין אין דאָרשטנדיקע אָדערן...
נעכט זענען געווען, געשרייען פון יינגען,
וואָס וואַרפן זיך פין צייטיקייט פון זייער בלוט...
טראָג מיך אַוועק אין לאַנקעס, פּאַרק, אַלייען,
הכנעהדיק וועל איך דאָרט קושן דיינע אויגן.
כ׳האָב מורא, כ׳וועל שוואַך זיין
אָן דיר... אָן אַ שיעור...

. . . . . . . . .

זיי מוחל, נאָר די מינוט איז דאָס געווען.
איך זע אויף קלאָר, דו ביזט גערעכט.
ווייל, זע: מאָרגן שטיי איך פאַר די מאַסן –
מאָרגן רייד איך צו זיי.

מאָרגן וועל איך אַראָפּרייסן די מאַסקע פֿונם מערדער־פּרצוף
ביי יענער מלוכה, וואָס דו האָסט געשוואוירן איר אַ שבועה...

דער מאַן

דאָס וואָס דו טוסט, איז מלוכה־פאַרראַט!

די פרוי

די מלוכה דיינע פירט מלחמה,
די מלוכה דיינע פאַרראַט דאָס אין פאָלק!
דיין מלוכה זויגט, זי דריקט, זי שטיקט,
נעמט אָפּ די רעכט ביים פאָלק.

דער מאַן

מלוכה הייליק... קריג באַוואָרנט איר דאָס לעבן.
דער שלום איז אַ פּוסטער חלום
פון לייט מיט שוואַכע נערוון.
עס שטייען קעגן דער מלוכה שונאים
פון דרויסן און פון אינעווייניק.
כסדר לעבט די מלוכה אין אַ וואָפנשטילשטאַנד.
די קריג איז נאָר: איבערגעריסענער וואָפנשטילשטאַנד.

די פרוי

ווי קאָן דען לעבן אַ לייב,
בשעת עס עסט אים פעסט און העליש־פייער?
דו האָסט געזען דעם נאַקעטן לייב
פון דער מלוכה?
געזען די ווערים, וואָס עסן אים?
געזען די בערזעס, וואָס ווערן פעט
פון מענטשלעכע לייבער?
ניין, האָסט ניט געזען... איך ווייס, דו האָסט געשוואוירן
דו טוסט דיין חוב, און דיין געוויסן איז שוין רואיק.

דער מאַן

דער ענטפער איז דאָס לעצטע וואָרט דיינס?

**דיִ פרוי**

דאָס לעצטע וואָרט מיינס.

**דער מאַן**

אַ גוטע נאַכט!

**דיִ פרוי**

אַ גוטע נאַכט.

ווען דער מאַן האַלט שוין אין אַוועקגיין.

**דיִ פרוי**

כ׳מעג גיין מיִט דיִר?
היינט דאָס לעצטע מאָל...
אָדער איִך ביִן אָן בושה?
אָדער איִך ביִן אָן בושה...
אָן בושה איִן מיין בלוט...

דיִ פרוי גייט נאָך נאָכן מאַן. דיִ ביִנע ווערט טונקל.

# דאס צווייטע בילד.

(א טרוים=בילד.)

אלצדינג מטושטש, נאָר סימנים: זאַל פון דער בערזע. ביים טיש שרייבער; ארום אים — באנקירן און מעקלער. שרייבער: דעם מאַנס פנים.

**שרייבער**

איך פאַרצייכן.

**ערשטער באַנקיר**

וואָפן=פאַבריק

.350

**צווייטער באַנקיר**

איך גיב מער

.400

**דריטער באַנקיר**

400

איך לייג פאָר.

דער פערטער באנקיר [illegible] א צי דעם דריטן אין פאַרנט. הינטן א געשושקעריי פון די פאָרלייגער און פאַרקויפער.

**פערטער באַנקיר** צום דריטן

געהערט?

מען דאַרף

אָפּטרעטן,

גרויסע אָפּענסיִווע
וועט פּלאַצן.

ד ר יִ ט ע ר ב אַ נ ק יִ ר
רעזערוון?

פ ע ר ט ע ר ב אַ נ ק יִ ר
דער מענטשן־מאַטעריאַל
ווערט קאַליע.

ד ר יִ ט ע ר ב אַ נ ק יִ ר
עסן טויג ניִשט?

פ ע ר ט ע ר ב אַ נ ק יִ ר
דאָס אויך.
הגם
פּראָפעסאָר אודע
האַלט,
אַז קאָרן,
אויסגעמאָלן
ביִז 95 פּראָצענט
איִז אַ מאכל
פאַר אַ זולל־וסובא.

ד ר יִ ט ע ר ב אַ נ ק יִ ר.
די אָנפיִרונג?

פ ע ר ט ע ר ב אַ נ ק יִ ר
אויסגעצייכנט.

ד ר יִ ט ע ר ב אַ נ ק יִ ר
אפשר קלעקט ניִשט
אַלקאָהאָל?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
די בראָנפן־ברויזן
אַרבעטן
אויף וואָס די וועלט שטייט.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
וואָס פעלט?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
דער גענעראַל
האָט אַרויסגערופן
93 פּראָפעסאָרן
אין דער הויפט־קוואַרטיר.
אויף אונזער גרעסטן גדול
דעם געהיימען ראָטמאַן גלובער.
מען שמועסט: רעזולטאַטן.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
וואָסערע?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
אין בירגערלעכע קרייזן
דאַרף מען שווייגן
וועגן דעם.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
מענער־ליבע
שוואַכט אָפּ די זעלנער?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
מאָדנע, ניין.
כאַן האָט פיינט מאַן.
עס בעלט.

דריטער באַנקיר
ס׳פעלט?..

פערטער באַנקיר
עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן
די מעכאַניק
פון לעבן.

דריטער באַנקיר
עס פעלט?

פערטער באַנקיר
מאַסע דאַרף תאווה.

דריטער באַנקיר
ס׳פעלט?..

פערטער באַנקיר
ליבע.

דריטער באַנקיר
דאָס קלעקט!
הייסט עס,
די קריג פאַרשפּילט,
דער אינסטרומענט דער מעכטיקער,
וועלכער מאַכט טאַנצן
מלכים און מלוכות,
מיניסטאָרן, פאַרלאַמענטן,
כּרעסע, קירכן?
כאַרשפּילט דער טאַנץ
דער טאַנץ איבערן ערדקויל,
טאַנץ איבער ים׳ען?
טאָ רעדט: פאַרשפּילט?
אָט דאָס איז דער סך־הכל?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
איר מאַכט אַ פאַלשן חשבון.
דער מקור פונם פעלער איז דערקענס.
און מען געפינט אַן עצה.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
אויף וואָסער שטייגער?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן וועג.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
מען ווייס דאָס?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
פאַרקערט.
מען פוצט דאָס אויס עכט פאַטריאָטיש
און אומאָפּהענגיק
פון וואַלוטע.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
און גוט באַוואָרנט?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
חברותא פון די גרעסטע בענק
פירט אָן די אונטערנעמונג.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
און ריוח?
דיווידענדן?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר
וועט ווערן אויסגעטיילט
גאַנץ רעגלמעסיק.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר

פאָרם פון אונטערנעמונג גוט.
נאָר אינהאַלט?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר

די מאַסקע רופט זיך: אָפּרו־היים
צו שטאַרקן דעם ווילן צום נצחון.
אינהאַלט:
אַ פרייליעך הייזל פון דער מלוכה.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר

גראַנדיעז!
איך שרייב זיך אונטער אויף 100,000.
נאָך אַ פראַגע:
ווער אָרדנט איין דאָס גאַנצע?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר

געניטע גענעראַלן,
גוט באַהאַוונט
אין אויסגעפרובטע כללים.

ד ר י ט ע ר  ב אַ נ ק י ר

דער פּלאַן
שוין אָנגעצייכנט?

פ ע ר ט ע ר  ב אַ נ ק י ר

לויט אַלע כללים.
ווי כ'האָב אייך שוין געזאָגט:
דריי פרייזן,
דריי קאַטעגאָריעס.
הייזל פאַר די אָפיצירן:
דאָ פאַרברענגט מען גאַנצע נאַכט.
הייזל פאַר קאַפּראַלן:
אַ שעה.

TARTU ... SELTS.

הײַזל פאַר פּראָסטע זעלנער:
15 מינוט.

דריטער באַנקיר
אַ דאַנק.
װען עפּנט מען דעם מאַרק?

פערטער באַנקיר
אָט די מינוט.

הינטן װערט אַ טומל.
דריטער און פערטער באַנקיר גיבן זיך אַ לאָז אַהין.

דער שרײַבער
אָקאָרשט דערלאָזן:
די נאַציאָנאַלע אַקציע
אָפּרו=הײם פאַר קריגסלײט
אַקציען=געזעלשאַפט.

ערשטער באַנקיר
איך האָב נישט קײן באַשטעלונג.

צװײטער באַנקיר
מיך ציט נישט
דער דיװידענד.

דריטער באַנקיר
איך שרײַב זיך אונטער אויף 100.000
נאָמינאַלער װערט.

שרײַבער
איך פאַרצײכן.

פערטער באַנקיר
אויך אַזױ פיל.

ערשטער באַנקיר צום צווייטן
דער קאַלטער נפש שרייבט זיך אונטער...
ווי רעכנט איר?..

צווייטער באַנקיר
אָקאָרשט אַ טעלעגראַם:
די שלאַכט אין מערב
פאַרשפּילט...

ערשטער באַנקיר
מיינע הערן!
די שלאַכט אין מערב איז פאַרשפּילט!

געשרייען, געהאַלדן, געפּילדער.

שטימען
פאַרשפּילט!

אַ שטים
וואָפן-פאַבריק
לייג איך פאָר
פאַר 150.

אַ שטים
פלאַמענוואַרפער-טראָסט
לייג איך פאָר.

אַ שטים
קריגס-תפילה-בוך-געזעלשאַפט
אַקציעס לייג איך פאָר.

אַ שטים
פאַבריק פון פאַרסם'טע גאַזן
אַקציעס לייג איך פאָר.

אַ שטים
קריגס-הלוואה

לייג איך פּאָר.

**דריטער באַנקיר**

איך שרייב זיך אונטער נאָך אַ מאָל

אויף 100,000.

**אַ שטים**

אָהאָ...

ביי אַזאַ מין „בעס"?..

**אַ שטים**

ווער האָט געזאָגט,

אַז די שלאַכט איז פאַרשפּילט?

**אַ שטים**

אַן אמתע ידיעה?

צי אַ בערזע־דריי?

דער קאַלטער נפש שרייבט זיך אונטער

אויף צוויי מאָל הונדערט טויזנט.

**צווייטער באַנקיר**

שווינדל!

איך קויף.

150.

**אַ שטים**

איך גיב מער.

200.

**אַ שטים**

איך קויף.

300.

**אַ שטים**

ווער לייגט פּאָר?

.400
איך קויף.

**שרייבער**
איך פֿאַרצייכן.

**פּערטער באַנקיר** צום דריטן
דער פּוקס שטויסט זיך אָן...

**דריטער באַנקיר**
זייט מוחל, וואָס איך פרעג.
אונזער שטאַרקסטער אינסטרומענט
געראַטעוועט?

**פּערטער באַנקיר**
איר זייט נישט זיכער?
מעכאַניק פון לעבן
איז דאָך אַזוי פּשוט —
געווען אַ לאָך...
מע האָט דאָס אויסגעפונען
און באַלד פאַרשטאָפּט.
צי „בעס" אָדער „האָס"
היינט אויף דער בערזע,
דאָס מאַכט נישט אויס.
דער עיקר:
מעכאַנישער געזעץ
שטייט תמיד פֿעסט.
דער פּועל־יוצא:
סיסטעם געראַטעוועט.

**שרייבער**
איך פֿאַרצייכן.

דער באַליטער גייט אַרײַן. אין זײַן פּנים באַהאָפּטן: סימנים פֿון טויט און סימנים פֿונם סאַמע אָנגעשטרענגסטן לעבן. ער פֿירט די פֿרוי.

דער באַליטער
מײַנע הערן,
איר האָט זיך צוגעאײַלט
מיטן פֿאַרצײַכענען.
בלוט און סיסטעם!
מענטש און סיסטעם!
דער כּלל האַלט נישט אויס.
איין זעץ מיטן פֿוס,
און די מעכאַניק
ליגט צעבראָכן
ווי אַ קינדער־שפּילכעלע.
גיט אַכט!
צו דער פֿרוי:
רייד דו!

די פֿרוי שטילערהייט
מײַנע הערן:
מענטשן.
איך חזר איבער:
מענטשן!

דער באַליטער און די פֿרוי ווערן פֿאַרבלאַסט.
פּלוצלינג ווערט שטיל.

דריטער באַנקיר
איר האָט געהערט?
דוכט זיך,
אַן אומגליק אין די קוילן־גריבער,
מענטשן אין נויט און פּײַן.

פֿערטער באַנקיר
כ'לייג פֿאָר:
אַ צדקה־באַל.

טאַנץ
אַרום דעם בערזע=טיש.
טאַנץ
קעגן נויט און פּיין.
הכנסה
פאַר די אָרימעלייט.
אויב ס׳איז אייך ניהאַ
אַ טענצל,
מיינע הערן.
איך בין מנדב:
איין אַקציע
אָפּרו=היים פאַר קריגסלייט
אַקציען=געזעלשאַפט.

**אַ שטים**
און נקבות?

**פערטער באַנקיר**
וויפיל
איר ווילט.
זאָל מען הייסן
דעם שווייצאַר:
דערלאַנג
פינפהונדערט מיידלעך
פון די רעכטע!
דערווײַלע...

**די באַנקירן**
מיר זענען מנדב!
מיר טאַנצן!
הכנסה
פאַר די אָרימעלייט!

מוזיק פון רעגדלעך, וואָס קלאַפּן זיך איינס אין דאָס אַנדערע. די באַנקירן אין צילינדערס גייען אַ פאָקסטראָט אַרום דעם בערזע=טישל.
די בינע ווערט טונקל.

# דאס דריטע בילד.

די בינע בלייבט טונקל.

מ אַ ס ן־כ אָ ר ן גלייך ווי פונדערווייטנס.

מיר אייביק איינגעפרעסט
אין לעכער פון הויכע הייזער.
מיר איבערגעענטפערט
דער מעכאַניק פון סיסטעמען,
וואָס לאַכן זיך אויס פון אונז.
מיר אָן אַ פנים אין נאַכט פון טרערן.
מיר אייביק אָפגעריסן פון מוטערס,
פון טיפעניש פון די פאברי̈קן רופן מיר:
ווען וועלן מיר לעבן ליבע?
ווען וועלן מיר אויפטון מעשים?
ווען קומט פאַר אונז גאולה?

די בינע ווערט ליכטיק.

גרויסער זאַל.

אויף דער טריבונע אַ לאַנגער שמאָלער טיש. לינקס זיצט די פרוי. אין זאַל אַרבעטער און אַרבעטערינס, ענג צונויפגעפרעסט.

אַ ג ר ו פ ע י י נ ג ע אַ ר ב ע ט ע ר י נ ס

און יעדע שלאַכט שפייט־אויס פון זיך אַ נייע שלאַכט!
נישט געזאַמט זיך מער מיט יענע לייט,
נישט געקווענקלט זיך מער,
נישט געזוכט קיין שוואַכע פשרות.
אַ מחנה חברים אויפגעבן:
דינאַמיט אריין אין די מאַשינעס.
און מאָרגן בלייבן שמאַטעס פון די פאַבריקן.

מאשינעס פרעסן אונז, ווי בהמות אין שעכטהויז,
מאַשינעס קוועטשן אונז, ווי צוואַנגען,
מאַשינעס האַמערן טאָג פאַר טאָג אויף אונזערע לייבער.
און מאַכן פון אונז ניטן... שרויפן...
שרויפן... דריי מילימעטער...
שרויפן... פינף מילימעטער,
אונזערע אויגן ווערן פאַרדאַרט, אונזערע הענט פאַרטריקנט
נאָך ביים לעבן...
אַראָפּ מיט די פאַבריקן, אַראָפּ מיט די מאַשינעס!

אײנציקע אויסגעשרייען אין זאַל
אַראָפּ מיט די פאַבריקן, אַראָפּ מיט די מאַשינעס!

ביים טיש אויף דער טריבונע שטייט אויף די פרוי.

די פרוי
אַמאָל, ווען כ׳בין געווען נאָך בלינד,
ווען ס׳האָבן מיך באַפאַלן
די פיַיניקנדיקע הייבערס
פון די זויגנדיקע מאַשינעס,
האָב איך, פון יאוש, אויך אַזוי געשריען,
ווי איר אַצונדערט.
נאָר ס׳איז אַ חלום, וואָס פאַרשטעלט פאַר אייך דעם בליק,
אַ חלום פון קינדער, וואָס דערשרעקן זיך
פאַר חושך פון דער נאַכט.
ווייל זעט: מיר לעבן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.
מען ווייס דאָס איצט:
מען קאָן שוין די פאַבריק נישט חרוב מאַכן.
נעמט דינאַמיט פון גאָר דער וועלט,
רייסט אויף אין איין באַהאַרצטער נאַכט פאַבריקן —
אין קומענדיקן פרילינג וואָלטן זיי
אויפגעשטאַנען פונדאָסניי
און וואָלטן לעבן ווייטער נאָך מיט מער אכזריות.
עס טאָר נישט זיין מער,

אַז די פֿאַבריק זאָל זיין דער האַר,
און מענטשן דאָס געצייג.
פֿאַבריק זאָל זיין באַדינער
פון אַ ווערדיקן לעבן!
דעם מענטשנס נשמה זאָל באַצווינגען די פֿאַבריק!

צ גרופע יינגע אַרבעטער
אויב אַזוי, זאָלן אומקומען זיי און מיר.
זע, אונזערע ווערטער צעוואונדן זיך
אין גרימצאָרן און נקמה.
די האַרן בויען זיך פּאַלאַצן,
בשעת די ברידער אונזערע
ווערן פֿאַרפוילט אין די שיס־גראָבנס.
און טאַנץ קוואַלט אויף, און לאָנקעס, שפּילן פֿאַרביקע,
מיר לייענען דאָס ביינאַכט און גיבן אַ געשריי!
און בענקשאַפט איז אין אונז נאָך קענטעניש...
דאָס העכסטע האָבן זיי גענומען,
און ס׳איז געוואָרן שלעכט..
נאָר טיילמאָל אין טעאַטער גיט דאָס אונז
אַ שפּרונג אַנטקעגן,
און ס׳איז אַזוי צאַרט... און שיין...
און לאַכט זיך אויס פון אונז פֿאַראיינס!
אין שולן האָבן זיי צעשטערט אונזער יוגנט,
אין שולן צעבראָכן אונזערע נשמות.
סתם פּיין איז דאָס, וואָס מיר שרייען...
גיט אַ שמעק — פּיין פון בייסיקע דאַמפּן!
ווער זענען מיר היינט?
מיר ווילן שוין מער נישט וואַרטן!

צ גרופע פעלד־אַרבעטער
פֿאַרשטויסן האָט מען אונז פון אונזער מוטער ערד,
די שררות קויפן ערד פאַר געלט, ווי זונות,
קומען מיט זייער תאווה צו אונזער מוטער ערד,

וואָס איז פול מיט חסד,
אונז שטופן זיי אַריין אין די געווער־פאַבריקן.
און מיר ווערן פאַרדאַרט, אויסגעוואָרצלט פון דער ערד,
די שטעט אָן פרייד צעבראָכן אונזער כח.
מיר ווילן ערד!
די ערד פאַר אַלעמען!

מאַסע אין זאַל
די ערד פאַר אַלעמען!

די פרוי
איך בין געגאַנגען דורך די אָרימע קוואַרטאַלן.
פון שינדל־דעכער האָט געקאַפּעט גרויער רעגן,
אויף ווענט זענען געוואַקסן שוועמלעך פון דער פייכקייט.
אין איין קאַמער האָב איך געזען, דאָרט איז געזעסן
אַן אינוואַליד,
האָט ער געשטאַמלט: „אויף מלחמה איז באַלד
געווען בעסער...
דאָ וווינען מיר אין הזיר־שטאַל...
אַ יאָ... אַ חזיר־שטאַל?..“
און שעמעדיקער שמייכל איז געפאַלן פון זיין אויג.
און איך האָב זיך געשעמט מיט אים אינאיינעם.
איר ווילט וויסן דעם אויסוועג, ברידער?
איין אויסוועג איז געבליבן פאַר אונז שוואַכע,
פאַר אונז, וואָס מיר האָבן פיינט די האַרמאַטן.
שטרייק! קיין איין קלאַפּ מער מיט דער האַנט.
שטרייק זאָל זיין אונזער טאַט!
מיר שוואַכע ווען זיין פעלזנס פון שטאַרקייט,
נישטאָ קיין געווער, וואָס זאָל קאָנען אונז באַצווינגען.
גיט אַ רוף אונזערע שטומע באַטאַליאָנען!
איך רוף אויס שטרייק!
איר הערט:
איך רוף אויס שטרייק!

דאָס זעקסטע יאָר פרעסט מולך שוין די לײַבער,
אויף די גאַסן פאַלן שוואַנגערע פון די פּיס,
פון הונגער קאָנען זיי שוין מער נישט
טראָגן די משא פון די נישט־געבוירענע.
אין אײַערע שטיבער גלאָצט דער דלות,
גלאָצט קרענק, משוגעת, הונגער, גרינער הונגער.
אָבער דאָרטן, גיט אַ קוק:
די בערזעס שפּייען באַקכאַנאַליעס,
שאַמפּאַניער־ווײַן פאַרפלייצט נצחונות,
אַ תאווה׳דיקער קיצל טאַנצט
בײַ גילדענע מזבחות. און אויפן מלחמה־פלאַץ?
איר האָט געזען די בלײַכע פּנימער פון אײַערע ברידער?
איר שפּירט די לײַבער,
האַלב פאַרפרוירן
פאַרנאַכט, אין פייכטן פראָסט?
איר הערט דעם ריח פון פוילעניש?
איך פרעג: איר הערט די געשרייען?
איר הערט דעם קול:
„איר דאַרפט זיך נעמען!
„מיר זענען צוגעשמידט צו רערן פון האַרמאַטן,
„מיר זענען אוממעכטיק,
„מיר שרייען צו אײַך:
„איר! קומט צו הילף!
„איר! זײַט איר דער בריק!!“
איר הערט! איך רוף אויס שטרייק!
ווער עס שפּײַזט ווייטער דעם וואָפן־וואַרשטאַט
איז בוגד אין זײַן ברודער. וואָס רייד איך: בוגד?
ער טויט דעם אייגענעם ברודער.
און איר פרויען!
איר ווייסט די לעגענדע פון יענע פרויען,
וואָס זענען אויף אייביק עקרות,
ווײַל זיי האָבן געהאָלפן שמידן געווער?

קלערט וועגן אייערע מאַנען אויף מלחמה!
איך רוף אויס שטרייק!

מאַסע אין זאַל
מיר רופן אויס שטרייק!
מיר רופן אויס
שטרייק!

פון דער מאַסע רייסט זיך אַרויס דער מאַן אָן אַ נאָמען, ער לויפט צו צו דער טריבונע און שטעלט זיך אַוועק רעכטס לעבן טיש.

דער מאַן אָן אַ נאָמען
ווער ס'וויל בויען אַ בריק,
דאַרף טראַכטן וועגן סלופּעס.
שטרייק איז היינט — שוואַך בריקעלע אָן סלופּעס.
מיר דאַרפן מער ווי שטרייק.
לאָמיר רעכענען דאָס העכסטע:
דורך שטרייק וועט איר נייטן שליסן שלום.
איין שלום.
דאָס איז נאָר אַ הפסקה. מער נישט.
מען דאַרף מאַכן אַ סוף צו קריג
אויף אייביקע צייטן!
נאָר פריער לעצטער קאַמף, אָן שום הנחות!
וואָס טויג אייך, אַז איר מאַכט אַ סוף צו דער מלחמה?
דער שלום, וואָס איר ברענגט,
מאַכט אויך נישט זיסער אייער מזל.
קלייבט אויס:
מאַסקע פון שלום און דאָס מזל, וואָס פריער —
אָדער קאַמף און אַ ניי מזל!
נאַראָנים, צעברעכט די פונדאַמענטן,
צעברעכט די פונדאַמענטן! רוף איך אויס.
דערנאָך זאָל דער מבול אַראָפּשווענקען
דאָס צעפוילטע הויז, וואָס גילדענע קייטן
האָבן ביז איצט אָפּגעהיט פון איינפאַלן.

מיר וועלן אויסבויען אַ בילכערע סיסטעם.
צו די אַרבעטער געהערן די פאַבריקן
און נישט צום האַר־לעבן קאַפּיטאַל.
פאַרביי די צייט, ווען ער האָט אויסגעקוקט
אויף אונזערע קרומע רוקנס נאָך ווייטע אוצרות
און פאַרשקלאַפט פרעמדע פעלקער,
און אויסגעקלערט מלחמות,
און געלאָזט שרייען די פאַפירענע ליגנער:
„פאַרן פאָטערלאַנד! פאַרן פאָטערלאַנד!"
נאָר שטענדיק האָט אַרויסגעקלונגען דער אמתער ניגון:
„פאַר מיר! פאַר מיר!"
פאַרביי די צייט!
איין אויסגעשריי פון מאַסן אין אַלע לענדער:
צו די אַרבעטער געהערן די פאַבריקן!
צו די אַרבעטער די מאַכט!
אַלע פאַר אַלעמען!
איך רוף אויס מער ווי שטרייק!
כ'רוף אויס: מלחמה!
כ'רוף אויס: רעוואָלוציע!
דער שונא דאָרטן מאַכט זיך נישט וויסנדיק
פון שיינע רייד.
מאַכט אַנטקעגן מאַכט!
כח... כח!

**אַ שטים**

געוועה!

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

יאָ, נאָר געוועה דאַרפט איר!
נעמט זיך געוועה, שטורעמט דאָס שטאָט־הויז!
דער קאַמף־געשריי: נצחון!

**די פרוי**

הערט מיך אויס!
איך וויל...

דער מאַן אָן אַ נאָמען

שווייגט, חברטע!
מיט דריקן די האַנט, מיט תּפֿילות און געבעטס
געווינט מען נישט קיין קינדער.
מיט וואַסערדיקע ייִדישלעך היילט מען נישט קיין שווינדזוכט,
אַ בוים צו האַקן דאַרף מען האָבן אַ האַק.

די פֿרוי

הערט מיך אויס...
איך וויל נישט קיין נייע הריגות.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

שווייגט, חברטע.
איר ווייסט דען?
איר פֿילט אונזער פּיין, אמת.
נאָר ציי זייט איר געווען צען שעה נאָכאַנאַנד
אין די קוילן־גריבער,
אין בלינדע שטיבלעך קינדער אָן אַ היים,
צען שעה קוילן־גרוב, ביינאַכט יענע שטיבלעך,
אַזוי טאָג פֿאַר טאָג דער גורל פֿון די מאַסן?
איר זייט נישט מאַסע!
איך בין מאַסע!
מאַסע איז סטיכיע.

מאַסע אין זאַל

איז סטיכיע...

די פֿרוי

נאָה באַקלערט,
מאַסע איז אוממעכטיק.
מאַסע איז שוואַך.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

ווי איר זייט פֿאַרבלענדט!

מאַסע איז פּירעד!
מאַסע איז קראַפט!

מאַסע איז זאַל
איז קראַפט.

די פרוי
געפיל שטופּט מיך אין חושך,
נאָר מיין געוויסן שרייט צו מיר: ניין!

דער מאַן אָן אַ נאָמען
שווייגט, חברטע!
לשם דער זאַך.
וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דער יחיד
מיט זיין געפיל
און זיין געוויסן?
די מאַסע גילט!
באַקלערט: איין קאַמף אַ בלוטיקער,
און אייביק שלום.
נישט קיין פאַרשטעלטע מאַסקע, ווי פריער שלום,
וואו קריג איז געווען פאַרבאַהאַלטן,
קריג פון שטאַרקע קעגן שוואַכע,
קריג פון אויסזויגונג, קריג פון גיריקייט.
באַקלערט: אַ סוף צום דלות!
באַקלערט: פאַרברעכנס ווערן אַ מעשהלע,
אויף פרימאָרגנדיקע האָריזאָנטן
שיינט די פרייהייט פון אַלע פעלקער!
איר מיינט, אַז מיר קומט אָן די עצה גרינג?
קריג איז אַ מוז־זאַך פאַר אונז.
אייער וואָרט ברענגט שפּאַלטונג,
לשם דער זאַך
שווייגט.

## די פרוי

דו... ביזט... מאַסע...
דו... ביזט... רעכט...

## דער מאַן אָן אַ נאָמען

די סלופּעס פאַרן בריק איינגעגראָבן, חברים
ווער עס שטעלט זיך אין וועג,
דעם וואַרפט אַנידער.
מאַסע איז טאַט!

## מאַסע אין זאַל

לאָזט זיך אַרויס מיט אימפּעט

טאַט!!

די בינע ווערט טונקל.

# דאס פערטע בילד.

(א טרוים=בילד.)

מטושטש, נאָר סימנים פון אַ הויף מיט אַ הויכער מויער ארום. אינמיטן הויף אַ לאַמטערן, פון וועלכן ס'טרערט אַ קלאָגעדיקע שיין. פון די ווינקלען פון הויף באַווייזן זיך ארבעטער=שמירות.

ערשטער שומר זינגט

מיין מוטער
האָט מיך
אין גראָבן געבוירן
לאַלאַלאַ לאַ
הם, הם,

צווייטער שומר

מיין פאָטער
האָט מיך
ביים שכורן פאַרלוירן.

אַלע שומרים אינאיינעם

לאַלאַלאַ לאַ
הם, הם,

דריטער שומר

דריי יאָר
בין כ'געווען
אין טורמע געשוירן.

אַלע שומרים אײַנאײַנעם
לאַלאַלאַ לאַ
הם, הם,

פֿון ערגעץ=וואו קומט אָן דער מאַן אָן אַ נאָמען, מיט שטומע טריט מעשה=שאָטען. שטעלט זיך אַוועק בײַם לאַמטערן.

ערשטער שומר
דער טאַטע
האָט פֿאַר מיר
נישט געצאָלט קיין געלט.

אַלע שומרים אײַנאײַנעם
לאַלאַלאַ לאַ,
הם, הם,

צווייטער שומר
מײַן מאַמע
קומט אָפּ
פֿון ווײַטאָג און קעלט.

אַלע שומרים אײַנאײַנעם
לאַלאַלאַ לאַ,
הם, הם,

דריטער שומר
כ׳האָב בירגער
בײַ וואַלן
מניעות געשטעלט.

אַלע שומרים אײַנאײַנעם
לאַלאַלאַ לאַ,
הם, הם,

דער מאַן אָן אַ נאָמען
אַ טאַנץ!
איך שפּיל צו!

**די שומרים**

האַלט!!

ווער ביזטו?

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

האָב איך געפרעגט

אייער נאָמען,

איר מענטשן אָן אַ נאָמען?

**די שומרים**

פּאַראָל?

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

מאַסע האָט קיין נאָמען נישט!

**די שומרים**

קיין נאָמען נישט.

איינער פון די אונזעריקע.

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

איך שפּיל צו.

איך אָנזאָגער

פון פּסק.

*דער מאַן אָן אַ נאָמען נעמט שפּילן אויף אַ האַרמאָניקע. די ניגונים רייצן אויף: אָט וויגן זיי זיך גשמיותדיק, אָט ווערן זיי זיך שטורעמדיק. פון דער טונקלקייט גייט אַרויס דער פּאַרמשפּטער, אַ שטריק אַרום האַלז.*

**פּאַרמשפּטער**

אין נאָמען

פון די פּאַרמשפּטע

צום טויט:

מיר בעטן לעצטן

חסד:

פאַרבעטן אונז צום טאַנץ.

טאַנץ איז מהות

פון אַלע זאַכן.
לעבן,
פון טאַנץ געבוירן,
שטופּט צום טאַנץ.
צום טאַנץ פון תאווה,
צום טויטן־טאַנץ
פון דער צייט.

**די שומרים**

די לעצטע בקשה
פון פאַרמשפּטע
קומט תמיד
צו באַוויליקן:
פאַרבעטן.

**מענטש און אַ נאָמען**

קומט אַהער!
די פאַרב
איז אַלץ איינס.

**פאַרמשפּטער**

רופט אין דער טונקלקייט אַריין

די פאַרמשפּטע
צום טויט
אַהער!
צום לעצטן טאַנץ!
די טרומנעס
לאָזט שטיין.

די פאַרמשפּטע, שטריק אַרום האַלז, גייען אַרויס פון דער טונקלקייט. שומרים און פאַרמשפּטע טאַנצן אַרום דעם מאַן און אַ נאָמען.

**די שומרים** זינגענדיק

אין גראָבן געבוירן.

טאַנצן ווייטער. נאָך אַ קורצער הפסקה.

**די שומרים** זינגענדיק

שכורערהייט פאַרלוירן.

סאַנצן ווייטער. נאָך אַ קורצער הפסקה

**די שומרים** זינגענדיק

אין טורמע געשוירן.

סאַנצן ווייטער.

דער מאַן אָן אַ נאָמען רייסט מיט אַמאָל איבער זיין שפּיל. די זונות און די פאַרמשפּטע צום טויט לויפן אַוועק אין אַ ווינקל פון הויף. נאָלט פאַרשליגגע זיי. די שומרים שטעלן זיך אויס.

אַ שטילקייט פלעלט זיך אויס אַרום דעם מאַן אָן אַ נאָמען. דורך דער מויער איז אַריין דער באַלייטער, אין געשטאַלט פון אַ שומר. דריקט צו צו זיך דאָס הייב (פּנים פון דער פרוי).

**דער באַלייטער**

דער וועג

אַ שווערלעכער.

דער רעזולטאַט

באַצאָלט די מי.

גיב אַ קוק אַהין:

תיכּף

הייבט זיך אָן די דראַמע.

אויב ס׳ציט דיך די סענסאַציע

שפּיל אויך מיט זיי.

אַ שומר ברייגנט דעם געפאַנגענעם (פּנים פון מאַן), פירט אים אָפּ צום מאַן אָן אַ נאָמען.

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

פאַרמשפּט

פון טריבונאַל?

**אַ שומר**

האָט זיך אַליין פאַרמשפּט

צום טויט:

געשאָסן אויף אונז.

דער געפאַנגענער

טויט?

דער מאַן אָן אַ נאָמען

שרעקסט זיך?

הער זיך איין:

שומר! ענטפער אָפּ!

ווער האָט געלערנט

טויט־אורטייל?

ווער האָט געגעבן געווער?

ווער האָט געזאָגט: „העלד" און „מצווה"?

ווער האָט געהייליקט גוואַלט־מעשים?

דער שומר

שולן.

קאַזאַרמעס.

קריג.

אַלעמאָל.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

גוואַלט־מעשים... גוואַלט־מעשים.

פאַרוואָס געשען?

דער געפאַנגענער

כ'האָב געשוואוירן

דער מלוכה אַ שבועה.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

דו שטאַרבסט

פאַר דיין זאַך.

די שומרים

צו דער וואַנט!

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

בײַקן אָנגעלאָדן?

**שומרים**

אָנגעלאָדן...

**געפאַנגענער** בײַ דער וואַנט

לעבן!

לעבן!

ווײַב רײַסט זיך אָפּ פֿונם באַלײטער

**ווײַב**

נישט שיסן!

ער מײַן מאַן!

פֿאַרגיט אים,

ווי איך פֿאַרגיב אים מיט עניוות.

פֿאַרגעבונג איז אַזוי שטאַרק,

אויף יענער זײַט

פֿון יעטוועדן קאַמף.

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

צי פֿאַרגיבן

זיי אונז?

**ווײַב**

צי קעמפֿן זיי

פֿאַר פֿאָלק?

צי קעמפֿן זיי

פֿאַר מענטשהייט?

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

די מאַסע גילט!

**די שומרים**

צו דער וואַנט!

**איין שומר**

פאַרגעבונג איז פּחדנות.
נעכטן בין איך אַנטלאָפן
פון די שונאים דאָרטן.
ביי דער וואַנט בין איך שוין געשטאַנען
דער לייב צעבלוטיקט.
לעבן מיר דער מענטש,
וואָס האָט מיך געדאַרפט הרגענען.
מיין קבר
האָב איך געמוזט גראָבן
מיט מיינע אייגענע הענט.
פאַר אונז
אַ פאָטאָגראַף,
וואָס קאָן זיך נישט דערוואַרטן
איינצובערענען
דעם מאָרד אין זיין טאָוול.
איך שיים אויף דער
רעוואָלוציע,
אויב מיר לאָזן זיך
פירן פאַר דער נאָז
פון יענע מערדער,
וואָס מאַכן חוזק פון אונז.
איך שיים אויף דער
רעוואָלוציע!

**די שומרים**

צו דער וואַנט!

דאָס פּנים פון געפאַנגענעם ווערט מגולגל אין פּנים פון איינעם פון די שומרים. די פרוי צו אַ שומר.

**די פרוי**

נעכטן ביזטו
געשטאַנען ביי דער וואַנט.

היינט שטייסטו ווייטער
בײַ דער וואַנט.
דו ביזט דאָס,
דער וואָס שטייט
היינט בײַ דער וואַנט.
מענטש,
דו ביזט דאָס,
רערקען זיך, זע:
דו ביזט דאָס.

**אַ שומר**

די מאַסע גילט.

**די פרוי**

דער מענטש נילס.

**אַלע שומרים**

די מאַסע גילט.

**די פרוי**

איך גיב זיך
אַוועק...
צו אַלעמען...

*אַ בייזער געלעכטער פון די שומרים.*

**די פרוי**

*שטעלט זיך אויף לעבן מאַן.*

טאָ שיסט!
איך זאָג זיך אָפּ!...
כ'בין אַזוי מיד...

*די בינע ווערט טונקל.*

# דאָס פֿינפֿטע בילד.

ז׳ער זאַל.

בין־השמשות פֿון באַגינען גנבעט זיך אַריין דורך די פֿענסטער. טריבינע באַלויכטן פֿון אַ מוטנער שיין. בײַם לאַנגן טיש זיצן: פֿון לינקס די פֿרוי, פֿון רעכטס דער מאַן אָן אַ נאָמען. בײַ די טירן פֿון זאַל אַרבעטער־פּאַטרולן. אין זאַל זיצן בײַ טישן איינציקע אַרבעטער און אַרבעטערינס.

די פֿרוי

גערוען ידיעות די לעצטע שעה?
כ׳בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן, זײַט מוחל, חבר.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

ס׳קומט אָן אַ מעלדונג נאָך אַ מעלדונג.
קאַמף איז קאַמף,
אַ בלוטיקע שפּיל פֿון קרעפֿטן,
וואָס מען דאַרף וועגן מיט אַ קילן האַרץ.
פֿאַר האַלבע נאַכט האָבן מיר פֿאַרנומען די סטאַציע.
איינס אַ זייגער האָבן מיר זי אָנגעוואוירן.
איצט גייען אַרויס באַטאַליאָנען
אויף אַ נייעם שטורעם.
דער בנין פֿון פּאָסט איז בײַ אונז אין די הענט.
אין דער מינוט
זאָגט אָן אַ טעלעגראַם די פֿעלקער אונזער אויפֿטו.

די פֿרוי

אויפֿטו! ס׳אַרא הייליק וואָרט!

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

אַ הייליק וואָרט, חברטע!
ס׳פאָדערט אײַזערנע פּאַנצערס,
ס׳פאָדערט מער ווי רייד פון הייסן הערצן,
ס׳פאָדערט אַ קאַמף אָן רחמנות.

*אין משך פון סעקונדעס אַ פלאַקערדיקע שטילקייט אין זאַל.*

**די פרוי**

חבר, בעצם קאָן איך דאָס נישט באַנעמען.
קאַמף מיט אײַזערנע וואָפן פאַרגעוואַלטיקט.

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

קאַמף מיט גײַסטיקע וואָפן פאַרגעוואַלטיקט אויך.
אפילו אַ רעדע פאַרגעוואַלטיקט. —
גערט נישט צעטראָגן, חברטע,
כ׳ריר אָן נאַקעטע זאַכן.
װען איך זאָל האַלטן ווי איר,
וואָלט איך געוואָרן אַ מאָנאַך
אין מאָנאַסטיר פון אייביקער שווייגעניש.

*שטילקייט װײַל זיך אַראָפּלאָזן שווער אויפן זאַל.*
*ערשטער אַרבעטער גייט אַרײַן.*

**ערשטער אַרבעטער**

איך ברענג אַ מעלדונג.
דריימאָל זענען מיר אַרויס קעגן דער סטאַציע.
דער פלאַץ וואַרפט זיך פון טויטע.
דער שונא האָט זיך גוט פאַרפעסטיקט,
ער איז פאַרזאָרגט מיט אַלע מיני וואָפן,
מיט פלאַמענוואַרפער, מינעס און פאַרסמטע גאַז.

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**

דריימאָל זענט איר אָנגעפאַלן.
דאָס פערטע מאָל?

ע ר ש ט ע ר  אַ ר ב ע ט ע ר
דאָס נערוועמזל איז נישט געווען,
דער שונא איז גרויס אויף אונז.

ד ע ר  מ אַ ן  אָ ן  אַ נ אָ מ ע ן
איר זייט באַגעשטאַנען.
איר דאַרפט פאַרשטאַרקינגען?

ע ר ש ט ע ר  אַ ר ב ע ט ע ר
מען האָט אונז צעריבן.

ד ע ר  מ אַ ן  אָ ן  אַ נ אָ מ ע ן
מען האָט געקאָנט זיך ריכטן אויף אַ קלאַפ צוריק.
גיב אַכטונג — גיי אַוועק אין דרייצענטן דיסטריקט,
דאָרטן ליגן די רעזערוון.
גיי – איַל זיך.

אַרבעטער גייט אַוועק.

ד י  פ ר ו י
ער האָט געזאָגט, אַז טויטע.
פיל הונדערט.
צי האָב איך נישט געשריען נעכטן קעגן קריג?
און היינט... דערלאָז איך,
אַז מען זאָל וואַרפן ברידער אין טויט אַריין?

ד ע ר  מ אַ ן  אָ ן  אַ נ אָ מ ע ן
אייער בליק איז אומקלאָר,
אין קריג, וואָס נעכטן, זענען מיר געווען שקלאַפן.

ד י  פ ר ו י
און היינט?

ד ע ר  מ אַ ן  אָ ן  אַ נ אָ מ ע ן
אין קריג, וואָס היינט, זענען מיר פרייע.

שטילקייט פיבערט.

די פרוי

אין... ביידע קריגן... מענטשן...
אין... ביידע קריגן... מענטשן...

*שטילקייט וויגט זיך, ווי אין שפרות.*
*צווייטער אַרבעטער פֿאַלט אַריין.*

צווייטער אַרבעטער

די באַסט פאַרלוירן!
אונזערע אַנטלויפן!
שונא שאַנעוועט נישט.
פסק פון געפאַנגענע-טויט.

*ערשטער אַרבעטער קומט צו לויפן.*

ערשטער אַרבעטער

איך קום פון דרייצענטן דיסטריקט,
אומזיסט די אַרבעט.
די גאַסן אָפּגעצאַמט.
דיסטריקט האָט זיך אונטערגעגעבן.
זיי גיבן אַוועק די געווער.

דריטער אַרבעטער

די שטאָט איז פאַרלוירן!
די זאַך איז פאַרשפילט!

די פרוי

ס'האָט נישט געקאָנט זיין אַנדערש...

דער מאַן אָן אַ נאָמען

נאָך אַ מאָל: שווייגט, חברטע!
די זאַך איז נישט פאַרשפילט.
אויב היינט איז אונזער קראַפט געווען צו שוואַך,
דונערן מאָרגן נייע באַטאַליאָנען.

פערטער אַרבעטער

*גיט אַ געשריי און זאַל אַריין.*

זיי קומען אָן!
אַ שרעקלעכע שחיטה, דערשאָסן מיין פרוי,
דערשאָסן מיין פאָטער!

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**
זיי זענען געפאַלן פאַר דער מאַסע.
שטעלט אויף באַריקאַדן!
נאָך זענען מיר באַשיצער!
זעטיק איז אונזער בלוט צום קאַמף!
זאָלן זיי קומען!

*אַרבעטער רייסן זיך אַריין אין זאַל.*

**פינפטער אַרבעטער**
זיי שעכטן אויס אַלעמען.
מאַנסבילן, פרויען, קינדער.
מיר וועלן זיך נישט איבערענטפערן,
אַז זיי זאָלן אונז טויטן ווי שעפעלעך צו דער שחיטה.
אַלעמען שעכטן זיי, מיר דאַרפן זיך ווערן!
די וואָס אויף יענער זייט גרעניץ
זענען געווען באַוואָרנט דורך פעלקער־רעכט,
אונז קוילענען זיי, ווי אַנטלאָפענע ווילדע חיות,
זאָגן צו פרעמיעס פאַר אונזערע לייבער. —
וואָפן האָבן מיר אין האַנט.
געפאַנגענע בירגער האָבן מיר ביי זיך.
איך האָב געהייסן דערשיסן אַ העלפט,
די אַנדערע העלפט וועט גיין דעם זעלבן וועג,
אויב מען פאַלט אָן אויף אונז דאָ.

**דער מאַן אָן אַ נאָמען**
איר האָט גענומען נקמה פאַר אייערע ברידער.
מאַסע איז נקמה פאַר אומרעכט פון יאָרהונדערטער.
מאַסע איז נקמה.

ד י  א ַ ר ב ע ט ע ר
איז נקמה!

ד י  פ ָ ר ו י
הערט אויף, פאַרבלענדטע פון קאַמף!
איך האַלט אייך איין.
מאַסע דאַרף זיין פאָלק אין ליבע.
מאַסע דאַרף זיין חברישער כלל.
כלל איז נישט נקמה.
כלל צעשטערט דעם פונדאַמענט פון אומרעכט.
כלל פלאַנצט איין די וועלדער פון גערעכטיקייט.
מענטש, וואָס נעמט נקמה, ווערט צעבראָכן. —
אַ העלפט דערשאָסן!
דאָס איז נישט קיין אַקט פון פאַרטיידיקונג.
בלינדער צאָרן! נישט אויפטו פאַר דער זאַך.
איר הרגעט מענטשן.
צי הרגעט איר פאַראיינס דעם גייסט פון דער מלוכה,
וואָס איר באַקעמפט?
איך נעם זיך אָן פאַר יענע, וואָס אין דרויסן.
איך בין געווען גרייט
צו ליימען מיין געוויסן
פאַר דער מאַסע.
איך רוף אויס:
צעברעכט די סיסטעם!
און דו ווילסט צעברעכן די מענטשן.
איך קאָן נישט שווייגן, היינט נישט.
יענע זענען מענטש,
געבוירן אין בלוט פון קרעכצנדיקע מוטערס...
מענטשן אייביקע ברידער...

ד ע ר  מ אַ ן  אָ ן  אַ נ אָ מ ע ן
צום לעצטן מאָל: שווייגט חברטע!
כה... כה...

יענע שאַנעווען נישט אונזערע לייבער.
מיט אַ פרומען בליק קאָן מען נישט פירן
קיין האַרטן קאַמף. —
האָרכט נישט, וואָס די פרוי רעדט.
ווייבערשע דיבורים.

די פרוי

כ'רוף אויס: הערט אויף!
און איר... ווער... זייט... איר?
צי טרייבט דיך די פונאַנדערגעבונדענע תאווה פון הערשן,
צייט הונדערטער יאָרן פאַרשפאַרט אין שטייג?
ווער... זייט... איר?
גאָט... ווער... זייט... איר?
מערדער... אָדער... דערלייזער...
מערדער... אָדער... דערלייזער...
מאַן אָן נאָמען: אייער געזיכט?
איר זייט...?

דער מאַן אָן אַ נאָמען

מאַסע!

די פרוי

איר... מאַסע!
איך ט־אָג אייך נישט איבער!
יענע באַשיץ איך.
אַ סך יאָרן בין איך געווען מיט אייך אינאיינעם.
איך ווייס... איר האָט געליטן מער פאַר מיר...
איך בין אויסגעוואקסן אין ליכטיקע צימער־ן,
קיינמאָל נישט געליטן קיין הונגער,
קיינמאָל נישט געהערט דעם ווילדן געוויין טער
פון פוילנדיקע שפּאַליִרן אויף די ווענט.
נאָר – איך פיל מיט אייך
איך ווייס אייער לייד.

זעט, איִך קום ווי אַ בעטנדיִק קיִנד.
איִך ברענג מיין גאַנצע עניוות.
הערט מיִך:
צעבּרעכט דיִ פונדאַמענטן פון אומרעכט,
צעבּרעכט דיִ קייטן פון דער געהיימער קנעכטשאַפט,
גאָר צעשמעטערט דיִ וואָפן פון צן אָפּגעפּוילטער צייט.
צעשמעטערט דיִ שׂנאה! צעשמעטערט נקמה!
נקמה איִז ניִשט רעוואָלוציע,
נקמה איִז אַ האַק, וואָס צעשפּאַלט
דעם קריִשטאָלענעם, גלוטיִקן
דעם גריִמצאָרניִקן אייזערנעם וויִלן צו רעוואָלוציע.

דער מאַן אָן אַ נאָמען
ווי אַזוי דערוועגסטו זיִך, פרוי פון יענע קרייזן,
צו פאַרסמען דיִ שעה פון גורל?
איִך הער אַ פרעמדן לשון פון דיין מויל.
דו באַשיִצט דיִ, וואָס זענען מיִט דיִר אויסגעוואַקסן.
דאָס איִז דער אמתער טעם.
דו ביִזט פאַררעטער.

מאַסע איִן זאַל
רוקט זיִך צו סטראַשענדיִק צו דער פרוי.
פאַררעטער!

אויסגעשריי
דיִ איִנטעליִגענטקע!

אויסגעשריי
צו דער וואַנט שטעלט זיִ!

דער מאַן אָן אַ נאָמען
דיין אָננעמען זיִך — פאַררעטעריש.
דיִ שעה פאָדערט מעשׂים,

מעשים אָן רחמנות.
ווער ס׳איז נישט מיט אונז, דער איז קעגן אונז.
מאַסע מוז לעבן.

מ אַ ס ע  א י ן  ז אַ ל
מוז לעבן.

ד ע ר  מ אַ ן  אָ ן  אַ נ אָ מ ע ן
בּיזט אַרעגטירט.

ד י  פ ר ו י
איך... נעם זיך אָן... פאַר די,
וואָס זענען מיט מיר אויסגעוואַקסן?
ניין, פאַר אייך נעם איך זיך אָן!
איר אַליין שטייט ביי דער וואַנט!
אייערע נשמות באַשיץ איך!
איך נעם זיך אָן פאַר מענטשהייט, אייביקע מענטשהייט,
באַשולדיקער אָן זינען...
אין מיינע ווערטער כּחד...
אַזוי נידעריק קיינמאָל...
כ׳האָב אויסגעקליבן...
זאָגסט ליגן... ליגן...

אָן ארבעטער גייט אַריין אין זאַל.

אַ ר ב ע ט ע ר
איין בירגער דאָרט פון די געפאַנגענע בילט כּסדר,
בילט אַלק דאָס זייניקע, אָן אויפהער,
מען זאָל אים ברענגען צו דער פירערין!

ד ע ר  מ אַ ן  אָ ן  אַ נ אָ מ ע ן
אַ ראיה.

ד י  פ ר ו י
נאָך אַמאָל... אַ ליגן... —

זוער פרעגט זיך נאָך אויף מיר... וועד?
אפשר דער מאַן...
פאַר אים וואָלט איך געוויס היינט ניט בוגד געווען...
אַצונד האָט איר בוגד געווען אין זיך אַליין...
איך ווייס שוין גאָרנישט...

דער מאַן אָן אַ נאָמען פאַרלאָזט די טריבונע, ווערט איינגעזינקען אין דער מאַסע, וואָס איז אין זאַל. פון דרויסן רייסן זיך אריין ארבעטער.

די אַרבעטער
פאַרפאַלן.

אויסגעשרייען
אַנטלויפן! קעמפן!

אין דרויסן איינציקע שאָסן. די ארבעטער גיבן זיך אַ לאָז צו דער טיר.

אויסגעשרייען
די טיר איז פאַרשפאַרט.
געכאַפט ווי האָזן!

שוויגעניש וואַרטנדיק דעם טויט.

אויסגעשריי
שטאַרבן!

איינער הויבט אָן זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. די אַנדערע העלפן אונטער. מעלטיק.

לִיד

וואַכט אויף אויף גאָר דער וועלט, איר שקלאַפן,
וואָס יעדער וועג איז אייך פאַרצאַמט!
היינט ווערן נייע רעכט באַשאַפן,
דער טאָג קומט אָן, דער פאַקעל פלאַמט.
גענוג שוין פיין, גענוג געליטן,
פאַרטרייבט דעם חושך פון דער נאַכט,
אַלץ אויף דער וועלט ווערט איצט געביטן,
מיר שקלאַפן נעמען איין די מאַכט.

כעלקער הערט דעם סיגנאַל!
צום קאַמף זיך אַלע געשטעלט!
דער אינטערנאַציאָנאַל
פאַרנעמט, באַפרייט די וועלט.

פלוצלינג א קורץ פייער פון קוילנוארפער. דאָס ליד ברעכט זיך איבער. די טיר ביים הויפּט־אריינגאַנג און די זייטיקע טירן גיבן א פראַל אויף. זאָלדאַטן מיט אָנגעשטעלטע ביקסן שטייען ביי די טירן.

אָפיציר
שטעלן זיך אַנקעגן אומנוציק!
הענט אין דער הייך!
הענט אין דער הייך, באַפעל איך.
וואו איז די פירערין?
פאַרוואָס הייבסט נישט די הענט?
בינדט איר די הענט.

סאָלדאַטן בינדן די פרוי.

די בינע ווערט טונקל.

# דאָס זעקסטע בילד.

(אַ טרוים־בילד.)

אַן אומבאַגרענעצטער רוים.

אין מיטן אַ שטיג, באַשײַנט פֿון אַ ליכט־קאָנוס. אינעווייניק צונויפֿגע־זאָרטשעט אַ געשמידטע אין קייטן (פּנים פֿון דער פֿרוי). לעבן שטיג — דער באַלייטער אין געשטאַלט פֿון אַ וועכטער.

די געשמידטע
וואו בין
איך?

דער וועכטער
אין הויז
פֿון מענטשן־בר־מינג׳ס.

די געשמידטע
פֿאַרטרייב די שאָטנס.

דער וועכטער
פֿאַרטרייב דו אַליין.

פֿון ערגעץ־וואו קומט אָן אַ גרויער שאָטן אָן אַ קאָפּ.

ערשטער שאָטן
קענסט מיך, דפרשטאָסענעם?
מערדערין!

**די געשמידטע**
איך בין נישט
שולדיק.

*פֿון ערגעץ=װאו אַ צװײטער גרויער שאָטן אָן אַ קאָפּ.*

**צװײטער שאָטן**
מיך האָסטו אויך
געהרגעט!

**די געשמידטע**
אַליגן!

*פֿון ערגעץ-װאו אַ ג־ויער שאָטן אָן אַ קאָפּ.*

**דריטער שאָטן**
מיך האָסטו
געהרגעט.

**פערטער שאָטן**
און מיך.

**פינפֿטער שאָטן**
און מיך.

**זעקסטער שאָטן**
און מיך.

**די געשמידטע**
הער װעכטער!
הער װעכטער!

**דער װעכטער**
האַהאַ! האַהאַהאַהאַ!

**די געשמידטע**
כ׳האָב נישט געװאָלט
קיין בלוט.

ערשטער שאָטן
דו האָסט געשוויגן.

צווייטער שאָטן
האָסט געשוויגן
ביים שטורעם אויפן שטאָט־הויז.

דריטער שאָטן
האָסט געשוויגן בעת
מען האָט געראַבעוועט די וואָפן.

פערטער שאָטן
געשוויגן ביים קאַמף.

פינפטער שאָטן
געשוויגן ווען מען האָט
געבראַכט רעזערוון.

זעקסטער שאָטן
דו ביזט שולדיק.

אַלע שאָטנס
דו ביזט שולדיק.

די געשמידטע
כ׳האָב געוואָלט
די אַנדערע
באַשיצן
פון דערשאָסן ווערן.

ערשטער שאָטן
נאַר זיך נישט.
פריער
האָט מען אונז דערשאָסן.

**אַלע שאָטנס**
דו בײַזט אונזער
מערדערין.

**די געשמײַדטע**
בין איך...

**די שאָטנס**
שולדיק!
דרײמאָל שולדיק!
**די געשמײַדטע**
איך... בין... שולדיק...

*די שאָטנס ווערן פֿאַרבלאַסט. פֿון ערגעץ־וואו באַנקירן אין צילינדערס.*

**ערשטער באַנקיר**
אַקציע שולדיק
לײג איך פאָר
צום באַמײַנאַלן ווערס.

**צווײטער באַנקיר**
אַקציע שולדיק
ווערט שוין מער נישט
דערלאָזן.

**דריטער באַנקיר**
פֿאַרשפּעקולירט!
אַקציע שולדיק
שמאַטע פּאַפּיר.

**די דרײ באַנקירן**
אַקציע שולדיק
פֿאַרשרײבן אַלס אָנווער.

*די געשמײַדטע גיט זיך אַ הײב.*

די געשמידטע

איך... בין... שולדיק.

די באנקירן הערן פארבלאסט.

דער וועכטער

נארישע פרוי

מיט סענטימענטן.

ווען זיי וואלטן לעבן,

וואלטן זיי געטאנצט

ביים גילדענעם מזבח,

א וואו מען ברענגט פאר קרבן

טויזנטער מענטשן.

דיך אויך.

די געשמידטע

איך מענטש בין שולדיק.

דער וועכטער

מאסע איז שולד.

די געשמידטע

בין איך, הייסט עס,

אין צווייען שולדיק.

דער וועכטער

לעבן איז שולד.

די געשמידטע

האב איך געמוזט

ווערן שולדיק?

דער וועכטער

איטלעכער לעבט זיך אליין.

איטלעכער שטארבט זיין טויט.

דער מענטש,

ווי בוים און ווי געוויקס,
איז אַ פֿאָרויסבאַשטימטע,
דורכן גורל געבונדענע פורעם:
אַנטוויקלענדיק, צעבליט זי זיך,
אַנטוויקלענדיק, צעשטערט זי זיך.
אַליין קעמף אויס דעם ענטפער!
לעבן איז אַלץ.

פֿון ערגעץ־וואו קימען אָן די געפֿאַנגענע, פֿינף טריט איינער פֿון אַנ־דערן, אין תּפֿיסה־קליידער. אויפֿן קאָפּ אַ שפּיציקע היטל, פֿון וועלכער ס'הענגט אַראָפּ אַ טיכל, מיט לעכער פֿאַר די אויגן; דאָס פּנים פֿאַרדעקט. יעדער געפֿאַנ־גענער טראָגט אַ נומער אויף דער ברוסט. שטום, אין אַ מאָנאָטאָנעם ריטם, גייען זיי אין אַ קוואַדראַט אַרום דעם שטייג.

**די געשמידטע**
ווער איר?
ציפער!
אָנגעזיכטיקע!
ווער זייט איר?
מאַסע
אָנגעזיכטיקע?

**פונדערווייטנס אַ דומפּער ווידער־קול**
מאַסע...

**די געשמידטע**
גאָט!!

**ווידער־קול פֿאַרקלינגדיק**
מאַסע...

שטילקייט רינט טראָפּנווײַז.

**די געשמידטע** גיט אַ געשריי
מאַסע איז מוז!
מאַסע איז נישט שולדיק!

ד ע ר ו ו ע כ ט ע ר
מענטש איז נישט שולדיק.

ד י ג ע ש מ י ד ט ע
גאָט איז שולדיק!

ו ו י ד ע ר ־ ק ו ל פ ו נ ד ע ר ו ו י י ט נ ס
שולדיק...
שולדיק...
שולדיק...

ד ע ר ו ו ע כ ט ע ר
גאָט איז אין דיר.

ד י ג ע ש מ י ד ט ע
אויב אַזוי, באַצווינג איך גאָט.

ד ע ר ו ו ע כ ט ע ר
וואָרעם!
גאָט־שענדערין!

ד י ג ע ש מ י ד ט ע
צי האָב איך געשענדט
גאָט?
אָדער צי האָט גאָט
געשענדט
דעם מענטש?
אָ מאוימ׳דיקער
געזעץ פון שולד,
וואו מענטש און מענטש
מוז זיך פאַרפלאָנטערן.
גאָט
צו אַ גערינכט!
איך באַשולדיק.

**יידער־קול פֿונדערווייטנס**

צו אַ געריכט.

די געפֿאַנגענע שטעלן זיך אַפּ אין זייער שפּרייזן. זייערע אָרעמס גיבן זיך אַ הייב אויף.

**די געפֿאַנגענע**

מיר באַשולדיקן.

די געפֿאַנגענע ווערן פֿאַרבלאַסט.

**דער וועכטער**

ביזט אויסגעהיילט,

גיי אַרויס

פֿון שטייג.

**די געשמידטע**

כ׳בין פֿריי?

**דער וועכטער**

אומפֿריי!

פֿריי!

די בינע ווערט טונקל.

# דאס זיבעטע בילד.

א קאַמער אין טורמע.

קליינער טיש, באַנק און אייזערנע בעט איינגעמויערט. א ליכט־לאָך, דורך מילך־גלאָז ניִשט דורכזיכטיק, מיט גראַטעס. ביים טיש זיצט די פרוי.

די פרוי

אָ וועג דורך פעלד מיט ווייצן צייטיקע
אין אויגוסט מאָנאַט...
באַגינענדיקע וואַנדערונג אין ווינטערדיקע בערג...
אָ זשוקעלע אין הויך פון האַלבן טאָג...
דו וועלט...

שטילקייט שפרייט זיך אויס ווייך ארום דער פרוי.

די פרוי

האָב איך געבענקט
אַ קינד צו האָבן?

שטילקייט הויגט זיך.

די פרוי

אָ צעשפאָלטנקייט פון לעבן,
צום מאַן געשמידט און צו דער זאַך.
צום מאַן... צום פיינד...
צום פיינד?
צום פיינד געשמידט?
צו מיר געשמידט?
וואָלט ער קומען... כ'וויל באַשטעטיקונג.

מען שליסט אויף די קאַמער. דער מאַן ניט אריין.

דער מאַן

פרוי... איך קום צו גיין.
איך קום, ווייל דו האָסט מיך גערופן.

די פרוי

מאַן..!
מאַן...

דער מאַן

איך ברייננ אַ גוטע בשורה,
דער רינשטאָק טאָר שוין מער נישט גיסן
זיין שמוץ אויף דיין... און מיין נאָמען.
די אויספאָרשונג אַקעגן יענע מערדער האָט באַוויזן,
אַז דו ביזט נישט פאַרשולדיקט אין פאַרברעכן
פון דער דערשיסונג.
זיי פעסט ביי זיך, טויט=אורטל איז נאָך באַשטעטיקט.
זאָל זיין פאָליטישע פאַרברעכנס, נאָר דער מענטש
מיט רעכטלעכע געדאַנקען האָט רעספּעקט
פאַר איידעלע און ערלעכע מאָטיוון.

די פרוי גיט שטיל אַ כליפּע.

כ׳בין אָן אַ שולד...
כ׳בין אָן אַ שולד — און שולדיק...

דער מאַן

ביזט אָן אַ שולד.
אַ מענטש מיט רעכטלעכע געדאַנקען ווייסט דאָס קלאָר.

די פרוי

מיט רעכטלעכע געדאַנקען...
עס איז מיר אַזוי ווי...
און גוט, וואָס אָן אַ פלעק דיין נאָמען...

דער מאַן

איך האָב געוואוסט, אַז דו ביזט אָן אַ שולד.

די פרוי

יאָ, דו האָסט געוואוסט...
רעספעקט פֿאַר די מאָטיוון... הי! אָרנטלעך דו ביזט...
איך זע דיר אַזוי... קלאָר איצט...
און דו ביזט פֿאָרט שולדיק... מאַן,
דו... שולדיקער אין מאָרד!

דער מאַן

פרוי, איך בין צו דיר געקומען,
פרוי... דיין וואָרט איז האַס.

די פרוי

האַס? נישט האַס,
איך האָב דיך ליב... איך האָב דיך ליב פֿון בלוט אַרויס.

דער מאַן

איך האָב געוואָרנט דיך פֿאַר מאַסע.
ווער ס'רודערט אויף די מאַסע, רודערט דעם גיהנום.

די פרוי

גיהנום? ווער האָט עס באַשאַפֿן דעם גיהנום?
די עיניום ווער האָט אויסגעקלערט
פון אייערע גילדענע מילן,
וואָס מאָלן, מאָלן ריוח טאָג פֿאַר טאָג?
ווער האָט געבויט די תפיסה...
ווער האָט געבויט די תפיסה...
וועמענס ווערטער איז דאָס: „היילִיקע קריג"?
ווער האָט מיליאָנען מענטשן-לייבער
געבראַכט אַ קרבן דעם מזבח
פון שקרדיקער בערזע-שפּיל?
ווער האָט געשטופּט די מאַסן אין פאַרפוילטע לעכער,
אַז ס'שטיקט זיי היינט דער שמוץ פון נעכטן,
ווער האָט ביי ברידער אָפּגערויבט דאָס מענטשלעכע געזיכט
ווער האָט זיי איינגעשפּונען אין מעכאַניק,
דערנידערט זיי צו הייבערס ביי מאַשינעס?
די מלוכה!... דו!...

דער מאַן
מיין לעבן פליכט.

די פרוי
יאָ... פליכט... פליכט צו דער מלוכה.
ביזט... אָרנטלעך...
כ׳האָב דאָך געזאָגט, איך זע דיר אַזוי קלאָר.
ביזט אָרנטלעך.
דו, זאָג די לייט מיט רעכטלעכע געדאַנקען,
אַז זיי זענען קיינמאָל נישט גערעכט...
שולדיק זענען זיי...
שולדיק מיר אַלע...
יאָ, איך בין שולדיק... שולדיק קעגן זיך,
שולדיק קעגן דעם מענטש.

דער מאַן
איך בין צו דיר געקומען.
אַ טריבונאַל איז דאָ?

די פרוי
דאָ וואַקסט אַ טריבונאַל.
איך, די באַשולדיקטע, איך בין דער ריכטער.
איך באַשולדיק... און כ׳פסקן, ווער ס׳איז שולדיק,
ווער ס׳איז פריי...
ווערים די לעצטע שולד..?
צי קאָנסטו זיך דערטראַכטן...
ווער עס טראָגט די לעצטע שולד?
מענטשן מוזן ווערן דעם ציל,
און ציל ווערט רויט פון מענטשלעך בלוט.
מענטשן מוזן ווערן לעבן,
און אַרום זיי וואַקסט אויס אַ ים פון מענטשלעך בלוט.
צי הייבסטו אָן פאַרשטיין... ווער ס׳טראָגט די לעצטע שולד?
קום, גיב מיר דיין האַנט,

TARTU JUUDI DEMOKR. SELTS.

געליִבטער פון מיין בלוט.
איִך האָב מיִך באַצוואונגען...
מיִך און דיִך.

א ציִטערנדיִש רייסט זיִך ארויס פונם מאן. א געדאנק פלאמט פלוצליִנג אויף אין איִם און צעעסט זיין פנים. ער גייט ארויס, חיִ איִן שכרות.

די פרוי

גיִב דיין האַנט מיִר...
גיִב דיין האַנט מיִר, ברודער,
ביִזט מיִר אויך אַ ברודער. –
ביִזט אַוועק... דו האָסט געמוזט אַוועקגיין...
לעצטער וועג גייט איִבער שנייען-פעלד.
לעצטער וועג פאַרמאָגט ניִשט קיין באַלייטער.
לעצטער וועג איִז אָן אַ מוטער.
לעצטער וועג איִז איינזאַמקייט.

עס עפנט זיך די טיִר. ס'גייט אריין דער מאן אָן א נאָמען.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

שוין אויסגעהיילט פון איינרייד? געפלאַצט שוין די איִלוזיע?
דער שאַרפער מעסער פון פאַרשטיין
איִז שוין אַריין איִן האַרץ?
דער ריִכטער האָט געזאָגט דיִר: „מענטש" און
„איִך פאַרגיִב דיִר"?
געוועזן אַ גוטע לערע.
אַ מזל-טוב דיִר, איִצטער וויסטו.
איִצטער ווייטער אונזערע.

די פרוי

דו? ווער שיִקט דיִך?

דער מאַן אָן אַ נאָמען

די מאַסע.

די פרוי

מען האָט מיִך ניִשט פאַרגעסן?
די בשורה... די בשורה...

דער מאַן אָן אַ נאָמען

מיין אויפגאָב — צו באַפרייען דיך.

די פרוי

באַפרייען!

לעבן!

מיר אַנטלויפֿן? אַלץ איז צוגעגרייט?

דער מאַן אָן אַ נאָמען

צוויי וועכטער זענען אָפּגעקויפט.

דעם דריטן, וואָס ביים טויער, הרגע איך.

די פרוי

הרגעסט... צוליב מיר...?

דער מאַן אָן אַ נאָמען

צוליב דער זאַך.

די פרוי

איך האָב קיין רעכט ניש

געווינען זיך דאָס לעבן דורכן וועכטערס טויט.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

די מאַסע האָט אַ רעכט אויף דיר.

די פרוי

און דעם וועכטערס רעכט?

וועכטער איז מענטש.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

נישטאָ נאָך סתם „מענטש".

מאַסן־מענטשן — איין צד!

מלוכה־מענטשן — צווייטער צד!

די פרוי

מענטש איז נאַקעט.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

מאַסע איז הייליק.

די פרוי
מאַסע איז נישט הייליק.
גוואַלט־מעשים האָבן באַשאַפן מאַסע
באַזיץ־אומרעכט האָט באַשאַפן מאַסע.
מאַסע איז אינסטינקט פון נויט וועגן,
זי איז גלויביקע עניוות...
איז גרויזאמע נקמה...
איז אַ בלינדער שקלאַף...
איז אַ פרומער ווילן...
מאַסע — איז אַ צעטראָטן אַקער־פעלד,
מאַסע — אַ פֿאַרשאָטן פֿאָלק.

דער מאַן אָן אַ נאָמען
און טאַט?

די פרוי
טאַט! און מער ווי טאַט!
מענטש אין מאַסע באַפרייען,
כלל אין מאַסע באַפֿרייען.

דער מאַן אָן אַ נאָמען
דער שאַרפער ווינט אין דרויסן
וועט דיך היילן.
אייל זיך,
מינוטן זענען אונז געבליבן.

די פרוי
דו ביזט נישט באַפֿרייאונג,
דו ביזט נישט דערלייזונג.
באָר כ'וויס שוין, ווער דו ביזט.
„הרגעסט!” תּמיד הרגעכט דו!
דיין פֿאָטער האָט געהייסן: קריג.
דו ביזט זיין בענקאַרט.
דו אָרימער נייער הענקער־מאַרשאַל,

איין תּרופה ווייסטו: „טויט!" „פּאַרטיזאַנקעס!"
אַראָפּ וואַרף מאַנטל פון געהויבענע ווערטער,
ער ווערט אַ שפּינוועבס פון פּאַפּיר.

דער מאַן אָן אַ נאָמען
די מערדער־גענעראַלן האָבן זיך געשלאָגן
פאַר דער מלוכה!

די פרוי
גע'הרגעט האָבן זיי, נאָר נישט פון וואוילטאָג.
זיי האָבן, פונקט ווי דו, געגלויבט אין זייער שליחות.

דער מאַן אָן אַ נאָמען
זיי האָבן זיך געשלאָגן פאַרן אונטערדריקער מלוכה,
מיר קעמפן פאַר דער מענטשהייט.

די פרוי
איר הרגעט פאַר דער מענטשהייט,
ווי זיי פאַרבלענדטע האָבן גע'הרגעט
פאַר דער מלוכה זייערער.
און אַנדערע האָבן גאָר געגלויבט,
אַז דורך דער מלוכה זייערער,
דורך זייער פאָטערלאַנד,
וועלן זיי די ערד דערלייזן.
איך זע קיין אונטערשייד:
איינע מאָרדן נאָר פאַר איין לאַנד,
די אַנדערע פאַר אַלע לענדער.
איינע מאָרדן פאַר טויזנט מענטשן,
אַנדערע — פאַר מיליאָנען.
די מערדער פאַר דער מלוכה
רופט איר הענקער.
די מערדער פאַר דער מענטשהייט
באַקרענצט איר, רופט איר גוט,
מאָראַליש, גרויס, גערעכטיק.
איר זאָגט אפילו: גוטע, הייליקע געוואַלט.

דער מאַן אָן אַ נאָמען
באַשולדיק אַנדערע, באַשולדיק ס'לעבן!
זאָל איך דערלאָזן אויף להבא דריקן מיליאָנען,
ווייל זייערע באַדריקער גלייבן ערלעך?
און אויב דו שווייגסט
פאַרמינערט דאָס דיין שולד?

די פרוי
נישט פאַקל פון געוואַלט ווייזט אונז דעם וועג.
דו פירכט אין מאָדנעם נייעם לאַנד,
אין לאַנד פון אַלטער מענטשן־שקלאַפעריי.
אויב שיקזאַל האָט געשטויסן דיך אין אונזער צייט
און גיט דיר מאַכט
צו פאַרגעוואַלטיקן אָט די פאַרצווייפלטע,
וואָס קוקן אויס נאָך דיר
ווי נאָך אַ ניי־געקומענעם דערלייזער —
יעמאָלט ווייס איך:
אָט דער שיקזאַל איז דעם מענטש אַ שונא.

דער מאַן אָן אַ נאָמען
די מאַסע גילט און נישט דער מענטש.
דו ביזט נישט אונזער העלדין, אונזער פירערין.
אַ יעדער טראָגט אויף זיך די קרענק פון אָפּשטאַם,
דו האָסט אויף זיך די בירגערלעכע קרענק:
דאָס נאַרן זיך אַליין און שוואַכקייט.

די פרוי
דו האָסט נישט ליב די מענטשן.

דער מאַן אָן אַ נאָמען
די לערע העכער איידער אַלץ!
כ'האָב ליב די קומענדיקע!

די פרוי

דער מענטש העכער איידער אַלץ!
צוליב דער לערע
ביזטו מקריב
די היינטיקע.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

צוליב דער לערע מוז איך מקריב זיין זיי.
נאָר דו פאַרראַטסט די מאַסע, דו פאַרראַטסט די זאַך.
ווייל היינט: אַהין אָדער אַהער!
ווער ס'קווענקלט זיך, ווער ס'קאָן זיך נישט באַשליסן,
דער שטיצט די האַרן, וואָס באַדריקן אונז,
דער שטיצט די האַרן, וואָס לאָזן אונז הונגערן,
דער איז אַ שונא.

די פרוי

כ'וואָלט פאַרראָטן די מאַסן,
ווען כ'וואָלט געפאָדערט
דאָס לעבן פון אַ מענטשן.
נאָר זיך אַליין
מעג מען ברייגנען פאַר אַ קרבן.
הער איינס: קיין מענטש טאָר טויטן מענטשן
צוליב אַ זאַך.
אומהייליק יעדע זאַך, וואָס ס'פאָדערט דאָס,
ווער ס'פאָדערט מענטשלעך בלוט פאַר זיך
איז מולך:
גאָט איז געווען מולך.
מלוכה איז געווען מולך.
מאַסע איז געווען מולך.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

און ווער הייליקט?

די פרוי

ווען עס איז...
כלל...
ציל־פאַרקניפּטע פרייע מענטשהייט...
ציל — פאָלק.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

עס פעלט דיר מוט, אויף זיך אַרויפצונעמען
די טאַט, די האַרטע טאַט.
נאָר האַרטע טאַט באַשאַפט דאָס פרייע פאָלק.
זיי מכפּר דורך טויט,
אפשר דיין טויט וועט נוצן אונז.

די פרוי

איך לעב אייביק.

דער מאַן אָן אַ נאָמען

דו לעבסט צו פרי.

דער מאַן אָן אַ נאָמען פאַרלאָזט די קאַמער.

די פרוי

דו האָסט געלעבט נעכטן.
דו לעבסט היינט.
און מאָרגן ביזטו טויט,
און איך וועל זיין אייביק
פון קרייז ביז קרייז,
פון עק ביז עק,
און ווען עס איז וועל איך
זיין
ריינער,
שולדזאָלער —
מענטשהייט.

דער גייסטלעכער גייט אַריין.

דער גייסטלעכער

איך קום צוגעבן דיר די לעצטע הילף,
די קירך זאָגט זיך נישט אָפּ צו העלפן
אפילו דעם פאַרברעכער.

די פרוי

ווער האָט דיך געשיקט?

דער גייסטלעכער

די מלוכה־מאַכט האָט מיר געגעבן דאָס צו וויסן!

די פרוי

און וואו זייט איר געווען אין טאָג פון דעם געריכט?
אַוועק!...

דער גייסטלעכער

גאָט וועט מוחל זיין דיר אויך. איך ווייס דיין גאַנג.
דו האָסט געטרוימט: דער מענטש איז גוט —
און אָפּגעטון האָסטו פאַרברעכנס אָן אַ שיעור
קעגן היילי̇קער מלוכה און היילי̇קער אָרדענונג.
דער מענטש איז שלעכט בטבע.

די פרוי

דער מענטש וויל זיין גוט.

דער גייסטלעכער

דאָס איז אַ ליגן פון פאַלנדיקע צייטן,
געבוירן פון ירידה, פון יאוש, פון פאַרצווייפלונג,
באַשיצט פון אַ וועקסענעם שלייער
פון אויסגעבעטלטן, געגאַרטן גלויבן,
אין סכנה געשטעלט פון אַ שלעכטן געוויסן.
גלייב מיר, דער מענטש וויל אפילו נישט זיין גוט.

די פרוי

ער וויל זיין גוט. אפילו ווען ער טוט שלעכטס
פאַרשלייערט ער זיך אין דער מאַסקע גוט־טון.

דער גייסטלעכער
פעלקער קומען אויף, פעלקער פאַלן.
קיינמאָל האָט די ערד קיין גן־עדן נישט געזען.

די פרוי
איך גלייב.

דער גייסטלעכער
דערמאָן זיך:
מאַכט־דאָרשט! תאווה־דאָרשט! דער ערדישער ריטם.

די פרוי
איך גלייב!!

דער גייסטלעכער
אַלץ וואָס ערדיש אייביקער בייט פון פאָרמען.
מענטשהייט בלייבט הילפלאָז. אין גאָט די דערלייזונג.

די פרוי
איך גלייב!!!
איך פריר... גייט אַוועק!
אַוועק!

דער גייסטלעכער פאַרלאָזט די קאַמער. ס'גייט אַריין דער אָפּיציר.

אָפּיציר
אָט דער פסק דין.
מילדערנדיקער אומשטאַנד אָנערקענט.
פונדעסטוועגן, מלוכה־פאַרברעך פאָדערט באַצאָלט.

די פרוי
איר וועט מיך הייסן דערשיסן?

דער אָפּיציר
באַפעל—באַפעל. פאָלגן-פאָלגן.
מלוכה־אינטערעס—רו, אָרדענונג,—
פליכט פון אָפּיציר.

**די פרוי**

אוּן דער מענטש?

**דער אָפּיציר**

יעטוועדער שמועס מיר פאַרווערט.
באַפעל–באַפעל.

**די פרוי**

כ׳בין גרייט.

אָפּיציר און פרוי גייען אַרויס. עטלעכע סעקונדעס די קאַמער ליידיק. צוויי פרויען=געפאַנגענע, אין אַרעסטאַנטישע קיטלען, גנבענען זיך אַריין. שטעלן זיך אָפּ ביי דער טיר.

**ערשטע געפאַנגענע**

געזען דעם אָפּיציר? אַזאַ גילדענע אוניפאָרם?

**צווייטע געפאַנגענע**

איך האָב געזען די טרומנע. אין וואַשקיך. געלער ברעטער=קאַסטן.

די ערשטע געפאַנגענע דערזעט ברויט אויפן טיש, גיט זי זיך אַ וואָרף אויף דעם.

**ערשטע געפאַנגענע**

אָט ברויט! הונגער! הונגער!

**צווייטע געפאַנגענע**

מיר ברויט! מיר ברויט! מיר ברויט!

**ערשטע געפאַנגענע**

אָט שפיגל. איי, ווי שיין.
באַהאַלטן. אין=אָוונט. קאַמער.

**צווייטע געפאַנגענע**

אָט, אַ זיידן טיכל.
נאַקעטע ברוסט, זיידן טיכל.
באַהאַלטן. אין=אָוונט. קאַמער.

פֿון דרויסן דרינגט אַריין אין קאַמער דער האַרטער קנאַל פֿון שאָסן. פֿון שרעק גיבן די געפֿאַנגענע אַ וואָרף די הענט. ערשטע געפֿאַנגענע זוכט אַרויס פֿון אירע קליידער דעם באַהאַלטענעם שפּיגל. לייגט אים האַסטיק אַוועק צוריק אויפֿן טיש. נעמט וויינען, פֿאַלט אויף די קני.

## ערשטע געפֿאַנגענע

### שוועסטער, פֿאַרוואָס טוען מיר דאָס?

פֿון גרויס הילפֿלאָזיקייט וואַרפֿן זיך אירע אָרעמס אין דער לופֿטן. צווייטע געפֿאַנגענע זוכט אַרויס פֿון אירע קליידער דאָס באַהאַלטענע ווייסע טיכל. לייגט דאָס אַוועק האַסטיק אויפֿן בעט.

## צווייטע געפֿאַנגענע

### שוועסטער, פֿאַרוואָס טוען מיר דאָס?

צווייטע געפֿאַנגענע פֿאַלט אַנידער. באַהאַלט דעם קאָפּ אין די קני.

די בינע פֿאַרמאַכט זיך.

TARTU

פרייז 300 מארק.

פֿארלאג „די וועלט“

הילע געצייכנט פֿון מנחם בירנבוים